**גוט שבת אלע אידן.** דער יערות דבש ברענגט אז די ״שנאת חינם״ וואס האט חרוב געמאכט די בית המקדש איז געווען א רוחניות׳דיגע שנאה. ווייל דעמאלט האבן זיי געהאט אסאך מוסדות פון חסד, למשל ביקור חולים און קופות פון צדקה, וכדומה. פון דעם זעהט מען אז עס נישט געווען קיין גשמיות׳דיגע שנאת חינם. נאר, מען ווייסט אז אין יענע תקופה, זענען געווען אסאך סארט כיתות, למשל די צדוקים ימ״ש. זאגט דער יערות דבש, זי״ע, אז די רוחניותדיגע שנאה איז געווען אז מען האט נישט גענוג ליב געהאט יענעם אים צו מוכיח זיין.

כאטש אז עס איז א חיוב צו מוכיח זיין א צווייטן, אבער, מען דארף עס טוהן אויף א שיינע אופן. ווייל די פסוק זאגט ״...הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא.״ (ויקרא יט,יז) וואס מיינט ״...ולא תשא עליו חטא?״ טאמער מען טוט מוכיח זיין יענעם אין נישט א ריכטיגען אופן קען מען גורם זיין ח״ו אז יענער וועט דווקא ווייטער טון די עבירות להכעיס. וועגן דעם דארף מען אכטונג געבן ווי אזוי מען איז מוכיח א צווייטן.

אין די וואכעדיגע סדרה איז רש״י הקדוש מסביר אז משה רבינו ע״ה האט געוואלט געבן תוכחה צו די אידישע קינדער, אבער ער האט נישט געוואלט פארשעמען די אידן. וועגן דעם האט דער מנהיג פון כלל ישראל נאר דערמאנט די עבירות פון די אידן בדרך רמז, אזוי ווי למשל, ״ודי זהב,״ (דברים א,א) וואס איז מרמז אויף דער פרשה פון דעם חטא העגל. (על פי תרגום אונקלוס) אזוי ווי רש״י זאגט ״...והזכירן ברמז, מפני כבודן של ישראל.״

פון דא זעט מען די גדלות פון משה רבינו, אז ער האט געוואלט געבן מוסר פאר כלל ישראל, אבער ער האט עס געטון אויף אן אופן נישט צו גורם זיין שאנד פאר די אידן. בכלל קען מען פון דא לערנען ווי מען דארף מוכיח זיין א צווייטן. יעצט אין די טעג וואס מיר קלאגן אויפ׳ן חרבן המקדש, וואס שנאת חינם האט גורם געווען, לאמיר זיך אביסל מחזק זיין אין דעם ענין פון אהבת חינם, א מצוה וואס וועט אויפבויען דעם בית מקדש.

די פאלגענדע מעשה ווייזט ווי א רבי פון כלל ישראל אין אונזערע דור האט געגעבן מוסר פאר איינעם בדרך רמז. ר׳ ליפא ברענער איז געווען א תלמיד פון הרה״ג ר׳ שגרא פייוועל מענדעלאוויץ ז״ל. א פאר יאר נאך זיין חתונה, האט ר׳ ליפא גענומען א פאסטן אין א קליין שטאט אין ניו דזשערסי. ר׳ ליפא איז געווארן דער רב פון דעם שטעטל און דער מנהל פון דעם תלמוד תורה. ער און זיין בני משפחה האבן אסאך כוחות אריינגעלעגט אין די אידן פון שטאט. רוב פון זיי זענען געווען עמי הארץ, א פאקט וואס האט גורם געווען נאך אסאך שוועריגקייטן פאר ר׳ ליפא.

פאַר א פָאר יאר האט ר׳ ליפא פרובירט צו מקרב זיין דעם עולם, אבער, לײדער האט ער נישט געזעהן קיין פירות. די בעלי הבתים האבן כסדר געארבעט קעגען אים, און די השפעה פון די גויאישע גאס איז געווען זייער שטארק, השם ירחם. צוביסלעך, האט ר׳ ליפא זיך מייאש געווען און ער האט זיך מיישב געווען אז ער קען נישט פארבעסערן די מצב פון שמירת המצות אין שטעטל.

ר׳ ליפא האט געהערט וועגן אסאך געלעגענהייטן פאר מסחר, נישט ווייט אין די שטאט ניו יארק. ער האט געטראכט וועגן פארלאזן דעם קליינעם שטאט און אריינגיין אין ביזנעס אין א גרעסערע שטאט. וואוינען אין א גרויסע שטאט האט געהאט נאך א מעלה: ווייל ר׳ ליפא האט געקענט שיקן זיינע קינדער אין א ריכטיגען חדר צו באקומען א געהעריגע חינוך.

אבער, דער פינטעלע איד אין ר׳ ליפא׳ס הארץ האט אים געזאגט אז אפשר איז כדאי צו בלייבן אויף די רבנות. ווייל, די יענע אידן האבן נישט געהאט עמעצען אנדערש וואס קען זיי לערנען ווי צו זיין ערליכע אידן. צוליב זיינע ספקות, האט ר׳ ליפא זיך מיישב געווען צו פרעגן א שאלת חכם. עפעס האט אים געצויגן צו פרעגן דעם וויזניצ׳ן רבי׳ן ר׳ חיים מאיר זצוק״ל.

גלייך דערנאך איז ר׳ ליפא געפארן קיין ארץ ישראל. ווען ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, איז ער געוואויר געווארן אז דער רבי איז געווען אויף זיין וועג ארויס פון ארץ ישראל קיין שווייץ. ר׳ ליפא האט פרובירט זיך אריינצוכאפן און אריינגייען רעדן מיט׳ן רבי׳ן, אבער עס איז געווען צו שפעט, די גבאים האבן שוין נישט געלאזט קיינעם אריינגייען.

ר׳ ליפא האט אבער געטראכט אז ער מוז פרעגן דעם רבי׳ן. צוליב דעם איז ער אויך געפארן קיין שווייץ צו פרעגן דעם רבי׳ן. א פאר טעג שפעטער, האט ר׳ ליפא טאקע מצליח געווען אריינצוגיין צום וויזניצ׳ן רבי׳ן זי״ע. ר׳ ליפא איז אריינגעגאנגען מיט א צווייטן רב פון תל אביב וואס האט אויך געוואלט רעדן מיט׳ן רבי׳ן וועגן עפעס א גרויסע זאך. ביידע זענען אריינגעקומען צום רבי׳ן׳ס אכסניה אין שטאט לוגאנו. דער רבי האט געבעטן אז זיי זאלן זיך אראפזעצן. דערנאך, האט די רבי׳צן אריינגעברענגט א גלאז טיי פאר׳ן רבי׳ן. דער רבי האט עס דערזעהן און ער האט געזאגט צו זיין רבי׳צן: ״זיי אזוי גוט, און ברענג אריין נאך צוויי גלעזלעך טיי. מיר זענען דא דריי רבנים, און מיר גייען רעדן צוזאמען.״

ר׳ ליפא איז געווארן ערשטוינט. דער רבי האט אים גערופן א ״רב״, און ער האט מכבד געווען ר׳ ליפא אזוי ווי ער וואלט געווען א חבר פון דעם רבי׳ן! ר׳ ליפא האט זיך געגעבן אַ טרייסל ווען ער האט געכאפט די חשיבות פון דעם רבי׳ן׳ס ווערטער. ווייל דער רבי האט עס געזאגט אהן ער זאל וויסען וואס ר׳ ליפא וויל פרעגן, ווייל ר׳ ליפא האט נישט דערציילט גאר נישט פאר קיינעם וואס ער גייט פרעגן דעם רבי׳ן. דער רבי האט אבער געהאט אפשר א בחינה פון רוח הקודש און ער האט יא געוואוסט וואס ר׳ ליפא האט געוואלט פרעגן! צום סוף, האט ר׳ ליפא אפילו נישט געפרעגט דעם רבי׳ן וואס צו טוהן. און ער האט מחליט געווען דארט אויפן פלאץ אז ער וויל בלייבן א רב אין יענעם שטעטל.

ר׳ ליפא האט טאקע ממשיך געווען אין זיין תפקיד אלץ רב אין יענעם שטעטל פאר די קומענדיגע 25 יארן. מיט די יארן האט ער זוכה געווען צו מקרב זיין אסאך אסאך אידן. איינמאל, יארן שפעטער, איז ר׳ ליפא געווען אין ירושלים אין דעם געגענט פון מאטעסדארף. ווען ער איז געגאנגען אויפ׳ן גאס, האט אים גערופן א אינגערמאן זאגנדיק ״שלום עליכם רב ברענער!״ ר׳ ליפא האט נישט דערקענט דעם איד. ״קומט מיט מיר,״ האט דער אינגערמאן ווייטער געזאגט, ״איך וויל דיך ווייזן ״דיינע״ אייניקלעך. איר געדענקט מיך? איך בין געווען א יתום, און איר האט מיך אריינגענומען אין חדר.״ ר׳ ליפא האט יעצט געדענקט דעם איד. ער האט אים טאקע אריינגענומען אלץ יונגל און נאכדעם האט ער אים געשיקט צו לערנען אין דעם מירער ישיבה אין ניו יארק. דער אינגערמאן האט גערופן זיינע קינדער די ״אייניקלעך״ פון ר׳ ליפא ווייל חז״ל זאגן: ״כל המלמד בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו וכו׳״ (סנהדרין יט:)

לאמיר געדענקן דעם מעשה, ווען עס קומט צו געבן מוסר פאר א צווייטן. טאמער מען דארף געבן תוכחה, דארף מען פרובירן עס צו געבן אויף דעם שענסטן אופן. דורך דעם קען מען מרבה זיין ״אהבת חינם״, און וועט מען האבן א חלק אין דעם בנין בית המקדש במהרה בימינו אמן. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו״ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, רחל בת פייגא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה בתשח״י
לע״נ אברהם בן ליפא ע״ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)
כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה